בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

## פרשת תולדות תשע"ח

שבת מברכין חודש כסלו

גליון 432 [שנה י']

**וואס מיינט וַיִּתְרֹצְצוּ לויטן פשוט פשט?**

וַיִּתְרֹצְצוּ הַבָּנִים בְּקִרְבָּהּ: (כה כב) זאגט רש"י עַל כָּרְחֲךָ הַמִּקְרָא הַזֶּה אוֹמֵר דָּרְשֵׁנִי, מען מוז זאגן דא א דרש און נישט פשוט פשט: שֶׁסָּתַם מַה הִיא "רְצִיצָה" זוֹ וְכָתַב: "אִם כֵּן לָמָּה זֶּה אָנֹכִי". רַבּוֹתֵינוּ דְּרָשׁוּהוּ לְשׁוֹן "רִיצָה": וַיִּתְרֹצְצוּ איז דער לשון פון ריצה– אנטלויפן–. כְּשֶׁהָיְתָה עוֹבֶרֶת עַל פִּתְחֵי תוֹרָה שֶׁל שֵׁם וָעֵבֶר יַעֲקֹב רָץ וּמְפַרְכֵּס לָצֵאת. עוֹבֶרֶת עַל פִּתְחֵי עֲבוֹדָה זָרָה עֵשָׂו מְפַרְכֵּס לָצֵאת (בראשית רבה סג, ו). דָּבָר אַחֵר: מִתְרוֹצְצִים זֶה עִם זֶה, וּמְרִיבִים בְּנַחֲלַת שְׁנֵי עוֹלָמוֹת. וַיִּתְרֹצְצוּ איז א לשון פון קריגן, יעקב און עשו האבן זיך געקריגט ווער וועט ירשנען עולם הבא און ווער עולם הזה. קומט אויס לויטן דרש, וַיִּתְרֹצְצוּ מיינט אדער ארויסלויפן צו ביהכ"נ צו פארקערט, אדער זיך געקריגט, זאגט דער טור אז מען קען זאגן וַיִּתְרֹצְצוּ איז לפי דער פשט, ווייל די תורה זאגט וַיֵּצֵא הָרִאשׁוֹן אַדְמוֹנִי כֻּלּוֹ כְּאַדֶּרֶת שֵׂעָר, עֵשָׂו איז געווען פול מיט האר –מלא שער כטלית של צמר המלאה שער– אבער יעקב איז געווען א איש חלק, גלאט אן הָאר, ממילא האט די הָאר פון עֵשָׂו געשטערט און געקראצט פאר יעקב דעריבער פלעגט יעקב אנטלויפן פון עשו, דאס מיינט וַיִּתְרֹצְצוּ, אוועק געלאפן פון אים. (פירוש הטור על התורה)

**וואס מיינט אִם כֵּן לָמָּה זֶּה אָנֹכִי?**

וַיִּתְרֹצְצוּ הַבָּנִים בְּקִרְבָּהּ וַתֹּאמֶר אִם־כֵּן לָמָּה זֶּה אָנֹכִי וַתֵּלֶךְ לִדְרֹשׁ אֶת ה': (כה כב) לכאורה דארף מען פארשטיין מיט דעם וואס רבקה זאגט אִם־כֵּן לָמָּה זֶּה אָנֹכִי איז משמע אז זי האט חרטה אויף וואס זי האט אזוי שטארק מתפלל געווען? און אויך איז שווער מיט וואס איז געווען די טרייסט פון שְׁנֵי גוֹיִם בְּבִטְנֵךְ וּשְׁנֵי לְאֻמִּים מִמֵּעַיִךְ יִפָּרֵדוּ וּלְאֹם מִלְאֹם יֶאֱמָץ וְרַב יַעֲבֹד צָעִיר מיט וואס גייט אוועק איר צער דורך דעם? נאר מען דארף פארשטיין פארוואס האט דער אויבערשטער געדארפט מאכן אז עֵשָׂו זאל געבוירן ווערן דוקא פון רבקה און נישט דורך א אנדערער, א רשע? נאר דער ריב"א דרשענט אויפן פסוק וְרַב יַעֲבֹד צָעִיר, וְרַב מיינט א לאנגע צייט, אזוי ווי אָחִי יֶשׁ לִי רָב, דאס מיינט אידן וועלן זיין א לאנגע גלות אונטער עשו, און עשו האט פיינט כלל ישראל, ממילא אויב עשו וואלט געווען דער זון פון א רשע, וואלט זיין רשעות געווען אזוי גרויס, אז כלל ישראל וואלטן נישט געקענט אויסהאלטן פון אים, דעריבער האט דער אויבערשטער געטאן א חסד פאר כלל ישראל, אז עשו זאל קומען פון א צדיק און אזוי ווייכער צו מאכן זיין רשעות און אזוי וועלן די אידן קענען אויסהאלטן די גלות. דאס האט רבקה געפרעגט לָמָּה זֶּה אָנֹכִי? פארוואס מיר? אז עשו זאל ארויסקומען פון מיר און נישט דורך א רשע? איז געווען דער ענטפער וְרַב יַעֲבֹד צָעִיר. וועגן די לאנגע גלות דארף עשו ארויסקומען פון דיר און אים ווייך מאכן. (פניני שפע חיים אדמו"ר מקלוינבערג זצוק"ל)

**דרוש פארוואס שטייט לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ און נישט לְנֹכַח רִבְקָה אִשְׁתּוֹ?**

וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה הִוא וַיֵּעָתֶר לוֹ ה' וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ: (כה כא) לכאורה איז שווער פארוואס אין אנפאנג פון פסוק ווען יצחק איז מתפלל, שטייט לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ, אנקעגן זיין פרוי, שטייט אן איר נאמען, עס שטייט נישט לְנֹכַח רִבְקָה אִשְׁתּוֹ, און ענדע פון פסוק שטייט וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ דא שטייט יא איר נאמען? אויך דארף מען פארשטיין אז רש"י זאגט ד"ה לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ: זֶה עוֹמֵד בְּזָוִית זוֹ וּמִתְפַּלֵּל, וְזוֹ עוֹמֶדֶת בְּזָוִית זוֹ וּמִתְפַּלֶּלֶת, (מדרש בראשית רבה סג ה) אז זיי זענען געווען אין דעם זעלבן געצעלט נאר אין א אנדער ווינקל און האבן ביידע מתפלל געווען, שטעלט זיך די שאלה פון וואו נעמט זיך דעם פשט אז זיי זענען געווען נאנט, אפשר זענען זיי געווען ווייט און זיי האבן געקענט זען איינעם דעם אנדערן? נאר מען קען פארענטפערן איין שאלה מיטן אנדערן, די גמ' (ברכות לד ע"א) זאגט רַב חִסְדָא אז מען זעט ביי מִרְיָם און מֹשֶׁה (במדבר יב יג) שטייט ווען זי איז געווארן א מצורעת, וַיִּצְעַק מֹשֶׁה אֶל ה' לֵאמֹר אֵל נָא רְפָא נָא לָהּ: אז ער האט מתפלל געווען אבער מֹשֶׁה האט נישט ארויס געזאגט קלאר הייל אויס מִרְיָם, איז א ראיה אז מען דארף נישט ארויס זאגן דעם נאמען פון חולה, פרעגט דער מגן אברהם (אורח חיים סימן קיט) אז אין זהר הקדוש (ח"א קסט א) שרייבט אויפן פסוק (לב יב) הַצִּילֵנִי נָא מִיַּד אָחִי מִיַּד עֵשָׂו, אז פון דעם וואס יעקב האט געזאגט אָחִי און אויך ארויסגעזאגט דעם נאמען עֵשָׂו, איז א ראי' אז מען דארף יא ארויס זאגן דעם נאמען פון ווע‍מען מען בעט, אויב אזוי פארוואס האט מֹשֶׁה נישט דערמאנט דער נאמען פון מִרְיָם? איז דער מגן אברהם מחדש: ווייל ביי מִרְיָם און מֹשֶׁה זענען זיי געווען נאנט איינעם צום אנדערן ווייל מִרְיָם איז געשטאנען פתח האוהל, דעריבער האט מֹשֶׁה נישט געדארפט ארויס זאגן דעם נאמען פון חולה, אבער ביי יעקב, איז עשו נישט געווען נאנט צו אים, דעריבער האט ער געדארפט ארויס זאגן מִיַּד אָחִי מִיַּד עֵשָׂו. קומט אויס זייער גוט דער מדרש די דרש פון לְנֹכַח: ווייל עס שטייט נאר לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ און נישט לְנֹכַח רִבְקָה אִשְׁתּוֹ איז א ראי' אז יצחק און רבקה זענען געווען נאנט איינעם צום אנדערן און אין אזא פאל איז דא די חידוש פון מגן אברהם אז אזוי ווי ביי מִרְיָם האט מֹשֶׁה נישט געדארפט דערמאנען איר נאמען ווייל זי איז געשטאנען ביי פתח האהל, קומט אויס אז דער דרש פון לְנֹכַח איז געבויט אויפן פסוק אליין פון לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ און נישט לְנֹכַח רִבְקָה אִשְׁתּוֹ. איז שוין פארענטפערט פארוואס יצחק האט נישט געבעטן מיט איר נאמען. (בן לאשרי)

**המשך דרוש פארוואס שטייט לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ און נישט לְנֹכַח רִבְקָה אִשְׁתּוֹ?**

ועל דרך זה קען מען גיין א טרעפל ווייטער: און פארענטפערן פארוואס שטייט לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ? נאר ווייל יצחק האט געוואוסט אז ביי זיין מאמע האט מען צוגעלייגט פון שָׂרַי צו שָׂרָה און אזוי האט זי געהאט קינדער, האט יצחק אויך געקלערט אפשר וועט דער אויבערשטער אויך וועלן צולייגן אדער טוישן די נאמען פון רִבְקָה, דעריבער האט יצחק נישט געבעטן מיט א נאמען, נאר לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ, און ווייל זי איז געווען נאנט דארף ער נישט דערמאנען א נאמען נאר רְפָא נָא לָהּ, און נאכדעם האט יצחק געזען אז דער אויבערשטער וויל בלייבן מיטן נאמען און זיי זענען געהאלפן געווארן, וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ, שטייט שוין יא איר נאמען. (בן לאשרי– המקובל מרעננה ר' הוברמן– תלמיד שם משמואל סאכאטשוב)

**דריי תירוצים פארוואס האט יצחק נישט געגעסן פון ציד פון עשו?**

וַיַּעַשׂ גַּם־הוּא מַטְעַמִּים וַיָּבֵא לְאָבִיו וַיֹּאמֶר לְאָבִיו יָקֻם אָבִי וְיֹאכַל מִצֵּיד בְּנוֹ בַּעֲבֻר תְּבָרֲכַנִּי נַפְשֶׁךָ: (כז לא) פרעגט מו"ר דער הייליגער שם משמואל (שנת תרפ"ב) אז עס איז משמע פון די פסוקים אז יצחק האט נישט געוואלט עסן פון די צֵיד בְּנוֹ פון עֵשָׂו, פארוואס טאקע נישט? און אפילו אויב יצחק איז שוין געווען זייער זאט פון די עסן פון יעקב,

וואלט ער געקענט עסן א ביסל פון צַיִד עֵשָׂו און אזוי וואלט ער געווארן בארוהיגט? נאר מען קען ענטפערן דריי תירוצים:

1] רש"י (פסוק לג) ברענגט א מדרש תנחומא אז ווען עשו איז אריין געקומען האט יצחק געזען דעם גהינום אונטער עשו, ממילא האט זיך יצחק דערשראקן און האט פון שרעק נישט געקענט עסן.

2] עס שטייט אין תרגום יונתן בן עוזיאל אז עשו האט גענומען פון זיינע כלבים –הינט– און געמישט מיט די צידה, איז די צַיִד בְּנוֹ געווען א מאכל איסור און די גמ' (חולין דף ו ע"א) זאגט אז דער אויבערשטער היט אפ די צדיקים זיי זאלן נישט עסן וואס מען טאר נישט.

3] רש"י (פסוק ט) ד"ה שני גדיי עזים: פרעגט: וכי שני גדיי עזים היה מאכלו של יצחק, אלא האחד הקריב לפסחו והאחד עשה מטעמים. בפרקי דרבי אליעזר (פרק לב): דאס מיינט די צוויי ציגן איז געווען איינס פאר א קרבן חגיגה ווייל עס איז געווען דעמאלט'ס פסח און איינס פאר א קרבן פסח, און די משנה זאגט (פסחים קיט ב) אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן, אז נאכן עסן דעם קרבן פסח טאר מען גארנישט עסן, און אויך נישט טועם זיין.

ווענן די דריי תירוצים האט יצחק נישט געקענט אפילו טועם זיין אביסל פון די ציד פון עשו. (בן לאשרי– המקובל מרעננה ר' הוברמן– תלמיד שם משמואל סאכאטשוב)

שרייבט דער צדיק פון רעננה אין זיין ספר: והנני מוסר עוד מודעה שהחלטתי להתפלל בלי נדר בכל יום על כל אלה שיעיינו במפר ויגידו בשמי דברי תורה לאחרים שיוושעו מכל צרה שצריכים ישועה בעולם הזה ובעולם הבא דער מחבר פון ספר בן לאשרי זאגט צו ישועות פאר ווער עס וועט לערנען זיין תורה און דאס איבערזאגן.

## *מדור העובדות*

## *דער הייליגער אפטא רב לאכט שטארק פון א מענטש כדי אים א טובה צו טאן*

א איד האט אמאל געדארפט א ישועה און איז געפארן צום הייליגן אפטא רב דער בעל אוהב ישראל, ער האט געווארט ביז עס איז געקומען זיין צייט און ווען ער קומט אריין צום צדיק און ער זעט אים הויבט אן דער אפטא רב צו לאכן זייער היסטעריש אז דער איד איז פון בזיונות ארויסגעגאנגען פון צימער, ער האט געמיינט אז דער רבי האט עפעס א טעות און דעריבער האט ער געווארט אין צימער און געבעטן דעם גבאי אז ער וויל נאכאמאל אריינגיין צום רבין ווען דער רבי וועט רופן. ער ווארט און דער רבי רופט אים אריין און די זעלבע זאך חזר'ת זיך איבער דער צדיק לאכט היסטעריש און דער איד זינקט איין פון בושה און גייט ארוים פון צימער!

דער איד איז געווען אוים מענטש און האט נישט געוואוסט וואס טוט מען דא, ער האט געקענט די רעבעצן און איז אריין צו איר פרעגן צו זי האט אמאל געהערט אז דער רבי זאל אזא זאך טאן? האט זי געענטפערט אז עס איז א וואונדער אויפן רבין אבער אז זי וועט פרעגן וועט דער רבי ענטפערן און זי וועט אים לאזן וויסן די סיבה פון רבינ'ס פירונג. זי האט אים געהייסן בלייבן אין אפטא און ווען זי וועט האבן א תשובה וועט זי אים קענען זאגן. דער איד איז געבליבן ביז זי האט אים דערציילט וואס דער רבי האט איר דערציילט:

עס איז געווען א איד אין די צייטן פון בית המקדש וואס איז קיינמאל נישט געגאנגען עולה רגל זיין צום בית המקדש און אויפן עלטער האט ער געוואלט תשובה טאן און ער האט זיך ארויסגעלאזט קיין ירושלים. ער איז נאך א שווערע נסיעה קאם אנגעקומען קיין ירושלים אויסגעמוטשעט און ער ווייסט בכלל נישט ווי אזוי מען קומט אן צום בית המקדש. ער פרעגט אן ביי א ירושלים'ער אינגל וואס כאפט גלייך אז דער מענטש איז נאך קיינמאל נישט געווען אין בית המקדש און דער אינגל האט אים געוואלט אפטאן און האט אים געפירט אין א זייטיגע וועג און געטראפן זיינע חברים וואס זענען געקומען אים פרעגן וואו ער גייט מיטן עלטערער איד? האט ער געזאגט מיט חכמה אז דער איד איז נאך קיינמאל נישט געווען אין דעם בית המקדש און זיי דארפן אים ווייזן די וועג, זיי האבן אויך גענומען אים קיצלן מיט שאנדע און חכמה'לך און אזוי האט זיך געזאמלט אפאר הונדערט קינדער וואס האבן באגלייט דעם איד צום הר הבית.

ביים הר הבית זענען זיי אנטלאפן און אים איבערגעלאזט אליין. ממילא האט ער שוין נאכאמאל געדארפט פרעגן ווי אזוי קומט מען אן צום בית המקדש און די בזיונות פאנגט זיך אן נאכאמאל אז ביי וועמען ער פרעגט, לאכן זיי פון אים און מען מאכט שפאסן, ער גייט און גייט ביז ער האט אן געטראפן דעם כהן גדול וואס האט רחמנות געהאט אויפן איד און אים גערדולדיג געענטפערט און געוויזן די וועג ביז ער איז אנגעקומען צום בית המקדש.

דער איד האט זיך געפריידט אז ער האט זוכה געווען צו זען די הייליגע בית המקדש און האט תשובה געטאן אויף די אלע יארן וואס ער האט נישט עולה רגל געווען. יענער יאר איז ער געשטארבן און איז ארויף אויף יענע וועלט און מען האט אים דַן געווען ווענן וואס ער האט עובר געווען אויף די מצות עשה פון שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך פון עליה לרגל, האט דער בי"ד געפסקנ'ט אז די אלע בזיונות וואס ער האט געהאט אין ירושלים דורך די קינדער און אנדערע, האט געהאלפן פאר א כפרה אויפן זינד, אבער ווען דער לעצטער, דער כהן גדול, וואלט אים אויך פארשעמט וואלט ער געהאט א גאנצע כפרה, אבער יעצט דארף ער אראפקומען אויפן וועלט און אזוי האבן א כפרה דורך נאך בזיונות ווענן דעם.

האט דער הייליגער אפטא רב אויסגעפירט: דער איד וואס איז אהער געקומען איז געווען יענער איד וואס האט נישט עולה רגל געווען און איך אפטא רב איז געווען דער כהן גדול וואס האט נישט געשפאסט פון אים. יעצט אז דער איד איז געקומען צו מיר איז דאס געווען ווייל ער דארף שוין האבן זיין תיקון, און טאקע דורך מיר, דעריבער האב איך געלאכט היסטעריש עטליכע מאל אז ער זאל ווערן פארשעמט און יעצט האט ער באקומען זיין כפרה בשלימות.

די רעבעצן האט איבערגעגעבן פארן איד וואס האט געגלייבט באמונה שלימה וואס דער רבי האט געזאגט. יעצט איז ער אריין צום רבין וואס האט אים שיין אויפגענומען און שטארק אנגעוואונטשן לחיים ולשלום זיע"א (מפי ר' מיכלי מנתני' זצוק"ל מזלאטשוב)

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

ספר גבעת פנחס על איוב מהמגיד מפאלצק תלמיד הגר"א נדיר מאוד $3000. ספר "והוא שאול" פולמוס על החיים באמעריקא מיוסד על שיר השירים באסטאן תרע"א $1000, חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $5000 שו"ת חת"ם סופר ב' כרכים עם חתימות הצדיקים ממעליץ קראקא ר' יעקב הורוביץ ור' אלעזר הורוביץ $2000 ספר עם חתימת הרה"ק ר' אביש מקראלא עם קמיע $7000, ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180 הרבה ספרים עם חתימות של צדיקים ספר טל חיים ליסקא שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא $1000, ספר מנוחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראם ממונקאטש, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , מעבר יבוק דפוס זיטאמיר $1000, ברית אברהם דפוס ראשון $1800 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000

דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge**
**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to-**
**pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***